בחצרות סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר
בעזהשי"ת
יום ד' פ' טהרה | ב' ניסן | תשע"א | פסחים: פ"ה ע"ב

# באריכט:

## בקודש פנימה

נעכטן אווענט – בעת דער רבי שליט"א האט זיך געפונען אין וויליאמסבורג צו געזעגענען אנ"ש, האט דער רבי שליט"א מסדר קידושין געווען ביי די חופות פון החתן בן מוה"ר משה לייב טרעגער הי"ו, החתן בן מוה"ר חיים העללער הי"ו, און החתן בן מוה"ר משה כהנא הי"ו פון בארא פארק, ממצוייני תלמידי ישיבתיה"ק.

הײנט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – שיעור ד' ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הב' חתן הבר מצוה בן מוה"ר יוסף לעווי הי"ו פון וויליאמסבורג.

נאכ'ן דאווענען איז דער רבי שליט"א אריבער אין מצה בעקעריי ווי מען האט דאן געבאקן די "בית רחל מצות" פאר ביתו נאוה קודש און אויך האט מען דאן געבאקן דעם גרויסן "עירוב מצה" פאר קרית יואל.

אויפן ארט האבן זיך געפונען תלמידי ישיבה ד'סקרענטאן פענסילווענױע וועלכע זענען געקומען מיטהאלטן דעם אופן האפי' אינעם בית האופה המהדרת אין קרית יואל, ווען דער רבי שליט"א האט ארומגעוויזן די פרטי האפי'.

אין די פארמיטאג שעה'ן זענען געקומען צו מרן רבינו שליט"א אריבער 80 בחורים פון ישיבה לצעירים - בהנהלת הרה"ג ר' וואלף לאנדא שליט"א ווי דער רבי שליט"א האט זיי פארהערט מס' גיטין בע"פ.

נאכמיטאג זענען תלמידי כיתה ו' דישיבת לימודי התורה פון באסטאן אריין אל הקודש פנימה ווי זיי האבן זיך געשטעלט צום פארהער אויף פרק הכונס אין מס' בבא קמא, און דערנאך מקבל צו זיין ברכת קדשו פון רבי'ן שליט"א.

## ניחום אבלים

מוה"ר יוסף יודא ואחיו מוה"ר ברוך ראזענבערג הי"ו זיצן שבעה נאך זייער ברידער פון ארה"ק הרה"ח המנוח ר' מרדכי ב"ר אלי' יצחק, ביז מאנטאג אינדערפרי.

זיי זיצן שבעה אויף 70 קליימער סט. אפט. 5-F

*ובלע המות לנצח*

*-בשורות טובות-*

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:**

**BechatsrosSatmar@Gmail.com**

**ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**